**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון 30 מיליאן דאלארדיגע מעטשינג פאָנד פראגראם צו שטיצן נייע ביזנעסער**

***פראגראם וועט אינוועסטירן ביז אזויפיל ווי $250,000 אין נייע פירמעס אין פריע שטאפלען מיט מעטשינג פאָנדס פון פריוואטע מקורות***

***טייל פון ניו יארק'ס 500 מיליאן דאלאר אין צוגעטיילטע פעדעראלע געלטער צו שטיצן קליינע ביזנעסער, באזונדערס אין היסטאריש באזייטיגטע קאמיוניטיס***

***אפליקאציעס און אינפארמאציע איבערן פראגראם זענען פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון דעם 30 מיליאן דאלארדיגן מעטשינג פאָנד פראגראם צו שטיצן נייע ביזנעסער (Pre-Seed and Seed Matching Fund Program) וואס וועט אפפערן פאר נייע פירמעס אין פריע שטאפלען צווישן $50,000 און $250,000 אין געלטער צו שטיצן זייער וואוקס, און די פירמעס וועלן דארפן אויפטרייבן די זעלבע סומע ('מעטשען') פון פריוואטע אינוועסטירער. דער פראגראם וועט שטיצן די אנטוויקלונג פון ביזנעסער אין שנעל-וואקסנדע אינדוסטריעס און אזוי אויך נייע 21'סטע יאר הונדערט דזשאבס. פינאנצירונג פאר דעם פראגראם קומט פון די [סטעיט קליינע ביזנעסער קרעדיט אינציאטיוו] ( State Small Business Credit Initiative, SSBCI) – טייל פון דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן' – צו שטיצן קליינע ביזנעסער, באזונדערס אזעלכע וועלכע זענען אין אייגנטום פון געזעלשאפטליך- און עקאנאמיש-שוואכערע מענטשן און זייער קליינע ביזנעסער וועלכע באקומען געווענליך נישט גענוג צוטריט צו אינוועסטירונגען אדער שטיצע.

"פאר נייע פירמעס אין פריע שטאפלען איז צוטריט צו אינוועסטירונג קריטיש צו פארזיכערן די אויסזיכטן פון די ביזנעסער צו איבערלעבן און צו בלייבן אפן אויף די לאנגע טערמין", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער נייער מעטשינג פאָנד פראגראם פאר נייע ביזנעסער וועט העלפן די ביזנעסער צו פארשטערקערן זייער שטאנד און צו שאפן די דזשאבס פון די צוקונפט בשעת'ן פארברייטערן צוטריט צו פינאנצירונג אין היסטאריש-באזייטיגטע קאמיוניטיס. איך באדאנק אונזערע פעדעראלע שותפים פארן העלפן פארזיכערן די פינאנצירונג און אויסשטערקן א רעטונג שטריק צו ניו יארק'ס ביזנעס סיסטעם."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "אפילו פירמעס וועלכע זענען יעצט באקאנט אין יעדע הויז האבן זיך אנגעהויבן פון א געדאנק. דורך דעם מעטשינג פאָנד פראגראם פאר נייע ביזנעסער וועלן מיר ציהלן נייע פירמעס און גאר קליינע ביזנעסער וועלכע קוקן אויס צו האבן א טשאנס צו מצליח זיין און פארזיכערן אז די גוטע געדאנקען ווערן פארווירקליכט אין ניו יארק סטעיט, באזונדערס אין היסטאריש-באזייטיגטע באפעלקערונגען און מארקעטס."

דער פראגראם ווערט אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס NY Ventures, די סטעיט'ס ביזנעס אינוועסטירונגען (venture capital, VC) ארעם, און עס וועט זיין קאנצעטרירט אויף טעכנאלאגישע מארקעטס, אריינרעכנענדיג פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, אגריקולטורישע טעכנאלאגיע, קלימאט טעכנאלאגיע, טעכנאלאגיעס פאר טעגליכע באנוץ, דאטא/AI/SaaS, פינאנץ טעכנאלאגיע, העלטקעיר, ביאלאגישע וויסנשאפט און טעכנאלאגיע און מעדיצינישע מאשינען. 'פרי-סיד' אינוועסטירונגען – פאר די ערשטע אנטוויקלונג פון א פראדוקט – איז געווענטליך די שווערסטע אינוועסטירונגען צו באקומען פאר נייע ביזנעסער און שנעל-וואקסנדע אינדוסטריעס, און דערפאר אפפערט NY Ventures אזעלכע אינוועסטירונגען דורך דעם פראגראם. צו קוואליפיצירן מוזן אפליקאנטן האבן אויפגעטריבן ווייניגער פון 2 מיליאן דאלאר פון שותפות'דיגע פינאנצירונגען (דיילוּטיוו פאַנדינג) ביז די טאג פון דעם אפליקאציע. אלע אפליקאנטן מוזן זיין רעגיסטרירט צו טוהן ביזנעס אין ניו יארק סטעיט און מסכים זיין צו האבן אן עקאנאמישע השפעה אין ניו יארק דורכן האבן זייער הויפטקווארטיר און צום ווייניגסטנס איין 'טשיעף' ארבייטער אין די סטעיט.

דער פראגראם וועט זיך קאנצעטרירן צו פארברייטערן צוטריט צו די אינוועסטירונגען אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, באזונדערס פאר היסטאריש-שוואכערע מענטשן, אריינרעכנענדיג מינאריטעט ביזנעסלייט און באזייטיגטע ראיאנען. לויט די VC Capital סוּרוועי וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך די NVCA, Venture Forward און Deloitte אין 2020, זענען נאר 3 פראצענט פון אינוועסטירונג שותפים געווען טונקל-הויטיג אדער אפריקאנער-אמעריקאנער, נאר 4 פראצענט זענען געווען היספאניש אדער לאטינא, 15 פראצענט זענען געווען אזיאנער אדער פאציפישע איילענדער און נאר 16 פראצענט פון אינוועסטירונג שותפים זענען געווען פרויען. אין צוגאב האט א שטודיע פון RateMyInvestor און DiversityVC געפונען אז אונטער 10 פראצענט פון VC דאלארן גייען פאר פרויען ביזנעס גרונדעריגס און ווייניגער פון 1 פראצענט גייט פאר טונקל-הויטיגע ביזנעס גרינדער.

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם און פאר אנווייזונגען וויאזוי צו אפּלייען, באזוכט https://esd.ny.gov/pre-seed-and-seed-matching-fund-program.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאַרלס ע. שוּמער האט געזאגט,** "דער נייער פראגראם – טייל פון א 500 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע אינוועסטירונג וואס איך האב פארזיכערט פאר ניו יארק – איז די 'איינשפריץ אין די ארעם' וואס די סטעיט'ס קליינע ביזנעסער דארפן זיך צו ערהוילן פון די פאנדעמיע און צוריק אויפצובויען אונזערע לאקאלע עקאנאמיעס. איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן די שטופ צו העלפן שטיצן שוואכערע ביזנעסער, אינוועסטירן אין נייע ביזנעסלייט און קליינע ביזנעסער אין וויכטיגע אינדוסטריעס ווי מעניופעקטשורינג און טעכנאלאגיע צו שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס אין די קאמיוניטיס וואס דארפן עס די מערסטע. אלץ מאיאריטעט פירער האב איך געקעמפט צו פארזיכערן די סטעיט קליינע ביזנעסער קרעדיט איניציאטיוו אלץ טייל פון דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן' צו נאכקומען די פרעצענדענטלאזע שוועריגקייטן מיט וועלכע די קליינע ביזנעסער אינעם לאנד האבן זיך פארמאסטן דורכאויס די פאנדעמיע, און איך בין שטאלץ יעצט צו אהערשטעלן די פעדעראלע פינאנצירונג פאר ניו יארק צו ארויפבויען די סטעיט'ס קליינע ביזנעסער און מעניופעקטשורינג רוקןביין צו פארשנעלערן אונזער ערהוילונג און טרייבן אונזער עקאנאמיע אריין אין די צוקונפט."

**קאנגרעסמאן גרעגארי וו. מיקס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו די נייע ביזנעסלייט פון אונזער סטעיט דורך דעם מעטשינג פאַנד פראגראם פאר נייע ביזנעסער וואס איז היינט אנאנסירט געווארן, זייענדיג א באדייטנדע אינוועסטירונג געלעגנהייט פאר די נייע ביזנעסלייט פון אונזער סטעיט. א דאנק דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן' וואס איז אריינגעשריבן געווארן אין געזעץ אין די פאריגע קאנגרעס, האבן די געלטער וועלכע זענען צוגעשטעלט געווארן געהאלפן שאפן די פובליק-פריוואטע שותפות וואס וועט באפולמעכטיגן נייע ביזנעסער צו וואקסן און זיך פארגרעסערן, ספעציפיש די וועלכע זענען היסטאריש פארקוקט געווארן דורך טראדיציאנאלע ביזנעס אינוועסטירער. די ביזנעס גייסט

פון ניו יארק און אין די מענטשן פון מיין דיסטריקט איז לעבעדיג און פריש, און א דאנק דעם נייעם פראגראם וועלן מער יונגע פירמעס געגעבן ווערן א געלעגנהייט צו מצליח זיין."

ניו יארק סטעיט איז צוגעטיילט געווארן מער פון 500 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע SSBCI געלטער, אריינרעכענענדיג א סך הכל פון 219 מיליאן דאלאר אין עקוויטי פינאנצירונג וועלכע וועלן גענוצט ווערן פאר: נאך 35 מיליאן דאלאר פאר NY Ventures'ס ערפינדונג ביזנעס אינוועסטירונג קאסע (Innovation Venture Capital Fund), 30 מיליאן דאלאר פאר א נייער מעטשינג פאָנד פראגראם פאר נייע ביזנעסער, 102 מיליאן דאלאר פאר א נייער אויפשטייגנדע און ראיאנישע שותף פראגראם קאסע (Emerging and Regional Partner Program Fund) פאר פארשידנארטיגע און אויפשטייגנדע פאָנד מענעדזשערס און 52 מיליאן דאלאר פאר א נייער קאמיוניטי און ראיאנישע שותף פראגראם קאסע (Community and Regional Partner Program Fund) פאר 'עקסעלערעיטארס', 'ווענטשור סטודיאָס' און 'אינקיובעיטארס'. די איבעריגע 282 מיליאן דאלאר שטיצן א רייע פון אינוועסטירונג צוטריט פראגראמען. פינאנצירונג וועט פארטיילט ווערן פאר די ESD פון די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפּארטמענט אין דריי 'טרענטשעס' אזוי ווי די געלטער ווערן איבערגעגעבן. לערנט מער איבער די ESD'ס SSBCI פראגראמען אויף https://esd.ny.gov/ssbci.

New York Ventures רעכנט אריין עטליכע פראגראמען וועלכע העלפן שטיצן און אדרעסירן די פינאנצירונג באדערפענישן פון נייע ביזנעסער אין שנעל-וואקסנדע ביזנעס פעלדער ווי ריינע ענערגיע, פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, העלט קעיר, ביאלאגישע וויסנשאפט און אגריקולטורישע טעכנאלאגיע. דאס רעכנט אריין א דירעקטע קאסע וואס האט שוין געשטיצט מער פון 60 נייע ביזנעסער פון די 'סיד' שטאפל ביז 'סעריע B' שטאפל אריבער די סטעיט, 70 פראצענט פון וועלכע זענען געווען ביזנעסער וועלכע זענען אנגעפירט דורך מינאריטעטן און/אדער פרויען (-minority- and/or woman owned business enterprises, MWBE) , און עס האט באקומען מעטשינג פאָנדס פון איבער 70 מיליאן דאלאר. ניו יארק סטעיט האט אויך געשטיצט דאס אנטוויקלונג פון 81 פירמעס און דאס שאפונג פון 2,000 דזשאבס דורך דעם 'Innovate New York' (ערפינד - ניו יארק) קאסע, און זי האט אויך אוועקגעשטעלט א MWBE אינוועסטירונג קאסע צו צושטעלן 'סיד' עקוויטי אינוועסטירונגען פאר סערטיפייד ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען. פאר מער אינפארמאציע איבער NY Ventures, באזוכט https://esd.ny.gov/venture-capital.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418